קובץ

# תוך הנחל

דיבורים נוראים ונפלאים שנאמרו

בשבת קודש פרשת כי תצא תשס"ו

[אויף אידיש]

מפ"ק כ"ק הרה"צ **מוהרא"ש** שליט"א

יוצא לאור חודש אלול תשע"ב

# ליל שבת קודש פרשת כי תצא ה'תשס"ו

פרייטאג צו נאכט'ס אין די ערשטע סעודה האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט גיוואלדיגע נורא'דיגע רייד אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' יט וואס רעדט וועגן דאס אכטונג געבן פון קליפת עמלק; עיין שם.

און האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן – זאגט דער הייליגער רבי ז"ע (מוהרא"ש שליט"א האט איבערגעחזר'ט אויף איין נקודה פון דעם רבינ'ס תורה), **סאיז פאראן א שטרויכלונג שטיין, און יעדע קלוגשאפט וואס ס'איז א בחינה פון עמלק, וואס דורך די שטיין קען מען אראפ'אלן, חס ושלום. אבער ווען דער צדיק גייט אריין אין די שבע חכמות, ער דערהאלט זיך, און ער בלייבט שטיין אויף זיין ארט דורך אמונה, אזוי ווי עס שטייט אין חבקוק (ב, ד): וצדיק באמונתו יחיה (א צדיק לעבט אין זיין גלויבינג)**, זעה דאס אלעם דארטן אינם רבינס ווערטער.

און מוהרא"ש שליט"א האט מסביר געווען, אז יעדער חכמה פון די וועלט איז גאר באשאפן געווארן, צוליב מיר זאלן דערקענען דעם אייבישטער דורך די חכמה. ווייל א ודאי פון יעדער זאך קען מען דערקאנען גאט ברוך הוא. און דאס איז גיווען דער עיקר צוועק פון די באשעפעניש, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (בא מב.) בגין דישתמודעין ליה, מ'זאל אים קענען יתברך.

breslevcity.co.il

און דערפאר איז אלעם באשאפן אויף די וועלט אז א מענטש זאל זיך ציהען צו דעם תכלית, און ווען דאס מענטש'נס הארץ ברענט צום אייבערשטער מיט א הייליגע פייער, און זיין גאנצע ווילן איז נאר דערנענטערן צו השם יתברך, דעמאלט וועט ער א ודאי דערקענען די קלוגשאפט אין די שכל וואס איז דא ביי יעדער זאך, און ער וועט זיך דערנענטערן צום אייבערשטער דורך די זאך (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' א'), ווייל דורך די ברען זיינע צום באשעפער, א וודאי וועט ער אנערקענען אין זיין אייגענע נידעריקייט און דאס גרויסקייט פונעם הייליגער באשעפער. און דאס וועט אים וועקן טרעפן די חכמה מיטן שכל וואס שטעקן אין יעדער זאך, זיך דערנענטערן צום אייבערשטער דורך אים. אבער דאס קליפת עמלק דאס איז א ענין פון קאלטקייט מיט שווערקייטאין עבודת השם יתברך. און אזוי ווי עם שטייט (דברים כה) אשר קרך בדרך [וואס ער האט דיך געטראפן אין וועג, אבער מ'קען טייטשן 'קרך' פון לשון קרירות, קאלטקייט, ער האט דיך קאלט געמאכט]. ווייל עמלק גיבט אריין איהם מענטש'נס הארץ אז ער זאל זיך שפירן אין גרויסהאלטן. און אזוי באטרעפט עמל"ק אזוי ווי ר"ם. און תיכף ווען ס'קומט אריין אין א מענטש ישות מיט גאוה, ווערט ער אפגעקילט פון זיין עבודה, אין זיין מוח ווערט צוטומולט, און ס'קומען אין אים אריין ספיקות אין אמונה, רחמנא ליצלן. ווייל עמל"ק באטרעפט אויך ספ"ק, און דאס איז דער עיקר שטרויכלונג-שטיין פון עמלק, וואס לייגט אריין אין יעדע חכמה די קליפה פון ישות. און אנשטאט אז דאס הארץ וועט ברענען טרעפן דער באשעפער דורך די חכמה, ווערט דאס הארץ אינגאנצן אפגעקילט,

breslevcity.co.il

און די מענטש'נס ווערט נתבלבל דורך די חכמה און ער דערוואטערט זיך פון עבודת השם.

און דער ריכטיגע עצה פאר דעם איז נא רזיך דערנענטן זיך צום ריכטיגער צדיק וואס ווערט אנגערופן משה, וואס ער קעמפט מיט עמלק אין יעדער דור, אין ער ברענגט אריין א ווארעמקייט ביי יודישע הערצער, זאלן תמיד ברענען צום אייבישטער מיט א הייליגע פייער.ווייל ווען א מענטש ווערט דערנענטער צון אמת'ע צדיק, קומט אריין אים ענוה מיט שפלות (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' י'), דעמאלט האט ער אן כח קעגען צו שטעלן געגן קליפת עמלק, און ארוים גיין פון אלע ספקות, און ווארימען דאס הארץ צו עבודת השם, און נישט נאר פאר אים האט ער אן ווארימקייט דינען דער אייבישטער, נאר ער האט א כח אראפצוברענגן זיין ווארימקייט צו אנדערע לייט.

ווייל דאס איז דער עיקר התכלית, פלאמען אזוי צום עבודת ה', ביז ער זאל מיט קלעבן אנדערע דערמיט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' קנ"ב), און מיט דעם וואס ער דערוועקט אנדערע ווערט ער אליין נאך שטערקער און נאך שטערקער, אזוי ווי די בחינה פון אור ישר ואור חוזר, וואס די ליכטיגקייט שיינט צו אנדערע, און דערנאך קומט צוריק צו אים (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' קפ"ד), וואויל איז דער וואס ועט ווערן דערנענטער צום צדיק אמיתי, ווייל דורך אים וועט ער אן נעמען א ריכטיגע דערוועקונג צו דינען דער אייבישטער, און וועט

breslevcity.co.il

קענען משפיע זיין אויף אנדער פון זיינע גוטנ'ס, און דערוועקן פול אסאך נפשות צו עבודת השם; וואויל איז צו אים און וואויל איז זיין טייל.

און מוהרא"ש נ"י האט מקשר געווען די דאזיגע ענין צו די וואכעדיגע סדרא מיט אַ וונדערליכע יערליכער קשר, ס'שטייט (דברים כה) זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים אשר קרך בדרך וגו', אז ס'דא א מצות עשה שטענדיג געדענקען די מעשה עמלק. און וואס ער האט געוואלט אונז אפצוקילן פון עבודת השם יתברך.

דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס פונקט "בדרך בצאתכם ממצרים", פארוואס ס'ווערט געצייכנט דייקא לגבי די רשעות פון עמלקאבער דורך די אויבנדערמאנטע דיבורים אז אלעס איז גוט פארשטאנען.

ווייל יציאת מצרים איז געווען דורך משה רבינו עליו השלום, וואס האט אריין געליגט אין זיי התלהבות דקדושה, זאל זייערע הארץ ברענען צום אייבישטער, און זאלם פארברענען די גאנצע שלעכטיץ מיט אום-ריין וואס זיי האבן געזהן אין מצרים און אין בית עבדים, אבער געגן דעם איז געקומען קעגן זיי עמלק הרשע, זיי אפ צו קילן פון די התלהבות, און אריין געבן אין זיי ישות מיט גיאות, און אנצופידהלן זייערע הארץ מיט ספיקות און קשי'ת, ווייל ער איז דאס שטיין-שטרויכלונג וואס איז דא ביי יעדע חכמה.

breslevcity.co.il

און דערפאר האט די תורה הקדושה אונז באפוילן, וואס מיר וועלן תמיד געדענקען עמלק'ס שלעכטע מעשים, אין מיר זאלן אנטלויפן צום צדיקים'ס הייזער זאלן אונז אנווארימען אין התלהבות דקדושה. ווייל נאר דורך צדיקי אמת האבן מיר א גוטע האפענונג זיך צו דערהאלטן אין אלעם וואס גייט אריבער אויף אונז - "בדרך", בשעת מיר ווילן ארויסגיין פון אונזער צרה, און דורך אמת'ע נאנקייט צו אמת'ע צדיקים, מיר וועלן זוכה זיין אויספלאמען אונזערע הערצער מיט די הייליגע פייער ביז מ'זאל קענען אנדערע יודן אויך דערוועקן צו עבודת השם, און ס'וועט זיין זכות הרבים.

און דאס וואס מיר טרעפן אין די וואכעדיגע סדרא די מצוה פון "הקם תקים", און אזוי ווי עס שטייט (דברים כב) [זאלסט נישט זעהן דיין ברודער'ס הייזל אדער זיין אקס פאלען אין די וועג און די זאלסט זיך נישט וויסענדיג מאכן, זאלסט אויף הייבן מיט אים] ווייל אויזער די מצוה בגשמיות אויפצוהייבן זיין פריינד'ס לאסט וואס איז געפאלן פון זיין הייזל מיט זיין אקס אין אים העלפן בשעת דחקו, איז דא אויך די מצוה אין רוחניות, ווען א מענטש זעהט זיין חבר פאלן אויף די וועג פון די וועלט, און ער ווערט אפגעקילט פון די ברען צו עבודת השם, דארף מען אים העלפן בשעת דחקו, אים אויף צו וועקן דאס הארץ צו השם יתברך, וואס דאס איז לא תראה את חמור אחיך או שורו נופלים בדרך. "חמור אחיך" מיינט מען דאך די חומריות (מאטעריאל) מיט די גשמיות פון דיין ברודער, וואס האט אים גורם גיוועזן אנידער פאלן און זיך אפקילן פון די עבודה, "או שורו", שור

breslevcity.co.il

איז א לשון הסתכלות - קוקן (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' א'), וכמו אזוי ווי עס שטייט (במדבר כד) אשורנו ולא קרוב [איך וועל אים זעהן, אז ער איז נישט נאהנט], ווייל אויך דאס מענטשנ'ס קוקן איז א גרויסע גרמא אים אראפ צו ווארפן פון די ברענעקייט צום בורא כל עולמים, און אזוי ווי חז"ל הקדושים זאגן (רש"י ברענגט דאס אין במדבר ט"ו פסוק ל"ט) העין רואה והלב חומד וכלי המעשה גומרים, [די אויג זעהט, דאס הארץ גליסט, אין די כלי המעשה ענדיגן], און ווען דו וועסט זעהן די כוחות פון דיין חבר "נופלים בדרך", וואס דאס איז די מורא'דיגע טומאה פון עמלק, וואס ער איז די שטיין-שטרויכלינג האבן פון יעדע חכמה, וואס ער וויל מכשיל זיין א מענטש'ן - בדרך, אויפן וועג, "והתעלמת מהם", און דער יצר הרע וועט דיך אנרעדן: "וואס האסטו צו זיך פארען מיט אן אנדער'ן, איז דען דאך נישט גענוג יוצא צו זיין די אייגענע חובה"?

אויף דעם זאגט אונז די הייליגע תורה - "הקם תקים עמו", אויב די וועם זיך באשעפטיגן אויפצוהייבן דיין חבר, דו אליין וועסטו זיך אויף הייבן, ווייל ווען דו וועסט ווארימען אן אנדערער וועסטו זיך אויך ווארימען, אין די חמימות וועט שטערקער ווערן ביתר שאת ויתר עז, און דער בורא כל עולמים זאל אונז העלפן מיר זאלן זוכה זיין אז אונזערער הארץ זאל פלאמען שטענדיג צו עבודת השם יתברך, ביז מיר וועלן זוכה זיין ארויפגיין און נכלל ווערן אינגאנצן ביים הייליגער באשעפער, מעתה ועד עולם אמן ואמן.

***

breslevcity.co.il